# חינוך גדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

מגן ומושיע

צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

פרשת תצוה

ז' אדר א' תשע"ד

גליון י"ט


## גוטע דיבורים ברענגט גוטע מעשים

די לעצטע פאר וואכן האבן מיר גערעדט וועגן דעם ענין אז ווען מען שטראפט א קינד זאל מען דאס טון אויף אן אופן וואס דאס קינד זאל האבן דערפון א תכלית. יעצט וועלן מיר ווידמען דעם מאמר אויף דעם ענין ווען מען דארף קריטיקירן א קינד און אים זאגן מוסר. מיר וועלן ערקלערן ווי אזוי גוטע דיבורים וואס זענען מחזק דאס קינד ברענגען גוטע מעשים, און ווי אזוי דערנידערנדע רייד ברענגט חלילה דאס פארקערטע.

מען האט שוין אסאך גערעדט פון דעם וואס מען דארף כסדר געבן קאמפלימענטן פאר קינדער און ארויסברענגען זייערע מעלות און זייער חשיבות. דער טבע פון מענטשן איז אז ווען דאס קינד באגייט אן עולה באמערקט מען עס באלד און מען האלט אים פאר דערויף, אבער ווען דאס קינד פירט זיך אויף גוט באמערקט מען דאס נישט אזוי שנעל און מען פארגעסט אים צו קאמפלימענטירן דערויף. אבער באמת דארף מען טון פונקט פארקערט. **פאר יעדן קריטיק וואס מען זאגט דארף מען געבן כאטש פינף קאמפלימענטן.** ווען דאס קינד טוט א גוטע זאך דארף מען אים ווייזן אז מען איז אים מעריך דערפאר און מען שעצט אים. דאס איז געזאגט געווארן אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן.

דעם יעצטיגן שמועס איז בנוגע ווי אזוי צו האנדלען ווען א קינד טוט אן עולה און עס קומט זיך אים א פסק, ווי אזוי דער קריטיק דארף צוגיין, און ווי אזוי מען דארף ארויסברענגען די עולה. די ריכטיגע וועג איז עס צו איינוויקלען אין א הויפן פון גוטע ווערטער, אזוי אז דאס קינד זאל זיך נישט פילן דערנידערט אדער דערווייטערט פון דעם טאטן. כדי ארויסצוברענגען וואספארא חילוק עס מאכט ווען מען קריטיקירט א קינד אויף א פאזיטיווער וועג און ווען מען זאגט אים מוסר אויף א דערנידערנדן וועג, וועל איך דערציילן צוויי מעשיות וואס איך האב אליין בייגעוואוינט.

> **די ריכטיגע וועג איז עס צו איינוויקלען אין א הויפן פון גוטע ווערטער, אזוי אז דאס קינד זאל זיך נישט פילן דערנידערט אדער דערווייטערט**

*א געוויסער כיתה ב' רבי האט געוואלט אויסלערנען פאר זיין קלאס די חילוקים פון כהן, לוי און ישראל. דער רבי האט געפרעגט, "ווער איז א כהן?" און עטליכע קינדער האבן אויפגעהויבן די האנט. "ווער איז א לוי?" נאך עטליכע קינדער האבן אויפגעהויבן די האנט. ווען דער רבי האט געפרעגט "ווער איז א ישראל?" האבן אלע איבריגע קינדער אויפגעהויבן די האנט.*

*אלע אויסער איינער. שלומ'ל איז געזעצן שטיל און נישט גערירט זיין האנט. דער רבי האט זיך געוואונדערט און געפרעגט, "שלומ'ל, דו ביסט נישט א ישראל?" און שלומ'ל האט געשאקלט מיט'ן קאפ אויף ניין. "דו ביסט אפשר א לוי אדער א כהן?" און שלומ'ל ענטפערט ווייטער ניין. "דעמאלט וואס דען ביסטו?" פרעגט דער מלמד מיט ערשטוינונג. "איך בין א _____ (א מיאוס'ער ווארט)" ענטפערט דער פארשעמטער שלומ'ל.*

*עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יעדן מאל וואס דער טאטע איז געווארן נערוועז פון דעם קינד האט ער אים כסדר אנגערופן מיט דעם מיאוס'ן ווארט. און נאך א שטיק צייט איז עס אריין אין זיינעביינער, און ער האט אמת'דיג אנגעהויבן טראכטן אז דאס איז זיין מהות, ער איז נישט א כהן, לוי אדער ישראל. ער איז א געוויסע.....* זעלבסט פארשטענדליך אז עס קען לאזן אומגעהויערע שווערע אפעקטן ווען א קינד באקומט אזא נעגאטיווע בילד אויף זיך אליין.

*א פארקערטע מעשה האב איך בייגעוואוינט, וואס ווייזט אז ווען מען גיבט קריטיק אויף א קלוגער אופן ברענגט אז דער כבוד פון דעם באטרעפנדן זאל בלייבן גאנץ און אלס רעזולטאט וועט ער ספעציעל זוכן זיך צו פארבעסערן. א בחור האט זיך נישט אויפגעפירט כהוגן אין ישיבה, און דער מגיד שיעור האט אים געוואלט מעורר זיין דערויף, האט ער אים געגעבן א פרעג, "דו ביסט געווען די וואך אינדערהיים אויף שבת?" "יא", האט דער בחור געענטפערט א פארוואונדערטער, נישט פארשטייענדיג וואס דער מגיד שיעור וויל. "אבער פון דיין התנהגות זעט נישט אויס אז דו האסט געוויילט א שבת ביי דיין חשוב'ן טאטן אינדערהיים." האט דער מגיד שיעור אים געזאגט.*

*דער בחור האט באקומען דעם מעסעדזש אז ער האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, אבער פון די אנדערע זייט האט ער באקומען דעם גוטן געפיל אז ער האט אזא חשוב'ער טאטע, און זייענדיג זיינס א קינד פאסט אז ער זאל זיך אויפפירן בעסער. אזוי איז ער אוועקגעגאנגען פון דעם קורצן "מוסר שמועס" מיט א גוטער טעם אין מויל. און דאס האט אים דוקא געשטיפט זיך צו אנשטרענגען מער און שטייגן.*

המשך אויף צד ב'

המשך פון צד א'

עס קען זיין אז דער געדאנק אז מען דארף מוסר'ן אויף אן אופן וואס דער באטרעפנדער בלייבט רעספעקטירט איז מרומז די וואך אין די פרשה, וואס הייבט זיך אן מיט דעם ציווי וואס דער באשעפער האט באפוילן משה רבינו אז ער זאל צוגרייטן שמן זית זך פאר די מנורה. עס שטייט אין די ספרים אז דער שמן זית זך גייט ארויף אויף דאס וואס משה רבינו דארף אנצינדן די אידישע נשמות, און עס ווערט געברענגט פארשידענע בחינות וואספארא מיטלען דער באשעפער האט אים געהייסן נוצן צו אנצינדן א פייער אין אידישע הערצער.

מען קען מרמז זיין לויט דעם וואס מען טרעפט אנהויב פרשת דברים, אז משה רבינו האט געזאגט תוכחה פאר די אידן און ער האט דערמאנט אלע זייערע עבירות בלויז אין קורצע רמזים, פארשלייערט אונטער די נעמען פון שטעט. פון דעם זעט מען אז משה רבינו האט פארשטאנען ווי אזוי צו זאגן מוסר און נישט דערנידערן דעם מענטש דערביי. דאס זאגט דער פסוק דא, "ואתה" תצוה, נאר דו אליין קענסט זאגן מוסר פאר די אידן, ווייל ויקחו "אליך" דורך דעם וואס דו זאגסט מוסר אויף אן איידעלער אופן ווערן זיי דערנענטערט צו דיר און נישט ח"ו דאס פארקערטע. דאס קען אויך זיין מרומז אין די מימרא פון גמרא, פני משה כפני החמה. דער זון איז מרמז אויף די כח פון השפעה. ווען קען מען משפיע זיין אויף כלל ישראל? ווען מען האט די מדה פון משה רבינו צו באהאנדלען יעדן מענטש מיט רעספעקט אפילו ווען מען דארף אים זאגן קריטיק.

דער חתם סופר טייטשט, "אל תוכח לץ", ווען דו דארפסט זאגן מוסר פאר איינעם זאג אים נישט אז ער איז א לץ, "פן ישנאך." ווייל ער וועט דיר נאר פיינט האבן. "הוכח לחכם ויאהבך", ערקלער אים אז ער איז א חכם און עס פאסט נישט זיך אויפצופירן אזוי, און אזוי וועט ער דיר ליב האבן און די מוסר וועט אויפטון. ווען מען איז מחנך א קינד דארף מען אים זאגן מוסר אויף דעם אופן, ווי למשל, **"שלמה'לע, דו ביסט דאך אזא גוט קינד און דו פארמאגסט אזוי פיל מעלות, עס איז א שאד אז אזא גוט יונגל זאל רעדן חוצפה'דיג."** אזוי וועט ער זיך אריינעמען אין קאפ אז ער איז א קינד וועמען מען שעצט און מען ערווארט אז ער זאל זיך אויפפירן איידל.

''אויב מיט גוטנס איז נישט געגאנגען, וועט אודאי נישט גיין מיט בייזנס...''

*כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א דערציילט אז זיין טאטע זצ"ל איז אמאל אריין צום בעלזער רב זי"ע מיט אלע זיינע קינדער, און ער האט זיך אפגערעדט אז איין קינד לערנט נישט ווי עס דארף צו זיין. האט אים דער בעלזער רב געזאגט אז ער זאל דאס נישט זאגן, ווייל אויסער דעם וואס ארויס זאגן נישט גוטע דיבורים קען ח"ו ברענגען נישט גוטע רעזאלטאטן, טוט דאס אריינברענגען א יאוש אין דעם קינד. אנשטאט דעם האט ער אים געפרעגט, "וועלכער איז דער קינד דער מתמיד?" און דער ראחמיסטריווקער רבי האט פארשטאנען אז ער דארף ווייזן אויף דעם קינד דער "מתמיד"... זינט דעמאלט, יעדן מאל וואס ער איז אריין צום בעלזער רב האט ער אים איבערגעפרעגט, "און וועלכער איז דער מתמיד?" און דער ראחמיסטריווקער רבי' האט געוויזן אויף דעם קינד. אזוי האט ער אים אויסגעלערנט אז אנשטאט צו קריטיקירן א קינד דארף מען ארויסהייבן זיינע מעלות.*

*איך וועל מסיים זיין מיט א מעשה וואס איך האב בייגעוואוינט ביי מיין זיידן, הרב החסיד ר' לייביש גרינבערג שליט"א. איך בין אמאל געווען ביי אים אינדערהיים, און איך האב געהערט א גערודער פון די שכנים אויבן. איך האב געפרעגט מיין זיידן וואס איז פשט דערפון, האט ער מיר געענטפערט אז ער האט שוין פרובירט צו רעדן צו זיי אז זיי זאלן זיין שטיל אבער עס האט נישט געהאלפן. איך האב זיך געגעבן א רוף אן, "איך וועל ארויפגיין און זיכער מאכן אז עס וועט שוין העלפן." מיינענדיג צו זאגן אז איך וועל זיי זאגן מיט שטרענגע ווערטער אז זיי זאלן אויפהערן צו מאכן גערודער. האט מיין זיידע זיך אנגערופן, "אויב מיט גוטנס איז נישט געגאנגען, וועט אודאי נישט גיין מיט בייזנס..."*

דאס איז געווען דער געדאנקען גאנג ביי אמאליגע חסידישע אידן. מיט פאזיטיווע ווערטער טוט מען אויף פיל מער ווי מיט נעגאטיווע באמערקונגען. און דאס דארף זיך יעדער צוגעוואוינען ביי זיך אינדערהיים. ווען מען בעט עפעס פון א קינד, נאך פאר ער האט א געלעגנהייט צו זאגן "איך וויל נישט", זאל מען אים ארויסברענגען זיינע גוטע מידות. "איך ווייס דאך אז דו האסט ליב זיך אנצושטרענגען צו טון א מצוה, לאמיר זען ווי דו וועסט יעצט אויך פאלגן." אזוי ברענגט די דברי מוסר די געוואונטשענע רעזולטאטן.

TRUST
INSURANCE BROKERAGE
MOSHE STEINMETZ
ALL FORMS OF INSURANCE
COMMERICAL
RESIDENTIAL
FIRE INSURANCE
WORKERS COMP
AUTO
HEALTH
DISABILITY
Phone: 718-305-7330
Fax: 718-305-7331
cell: 347-408-7337
ms@trustbrokerage.net
4319 13th Avenue
Brooklyn N.Y. 11219

Shimmy Goldberg
DRIVEWAY LEASING
Phone: 718.813.3000 #103
Monsey: 845.459.AUTO (2886)
Fax: 718.517.8022 Cell: 347.351.9148
Email: shimmy@drivewayleasing.com
www.drivewayleasing.com

Adapted and edited by:
Just Write
Looking for the words that will say it just write?
347.450.8467 info@justwritethat.com

**מנדב צו זיין ''חינוך געדאנקען'' לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**
**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com